Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Der Odeser ḥoŝn

Beḳerman, Shimʿon

Ṿilno, 659 = 1899

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-12862

Visual Library

# דער
# אַדעסער חתן

זייער אַיין וויכטיגער ראָמאַן, וואָס דיא
לעזער וועלין זיין זייער צופֿרידין.

פֿון ש. ב.

## ווילנא

שנת תרנ"ט לפ"ק

**ОДЕССКІЙ ЖЕНИХЪ.**

Разсказъ Ш. Б.

Соб. изд. Л. Л. Маца.

ВИЛЬНА.
Въ типографіи Л. Л. Маца, на Завальной
улицѣ д. Вендорфа.
1899 г.

Дозволено цензурою 11 Марта 1899 г. Вильна.

UNIVERSITÄT POTS[DAM]
Universitätsbibliothek

**1.**

## אין בופעט.

אויף א סטאנציע פון איזענבאן אין דריטען קלאס בופעט איז געזעסין א יונגער מאן ערך פינף און צוואנציג יאהר, ער איז געגאנגען זייער רייך גיקליידעט; צוויא שווארצע אויגין האבין ארוים גיפינקילט פון זיין רייגעם גיזיכט: שווארצע האר האבין באדעקט זיין קאפ ביזין גרויסין שטערין לעבען איהם איז גישטא־נען אגלאז טייא אויפין טיש, און א בלאט צייטונג האט ער גיהאלטען אין האנט; ער האט גילעזין דעם בלאט זייער רוהיג, ווייל עס איז גיוועזען גינוג צייט צוא בילעטין געבין: ווייל דער פאיעזד האט זיך דאן פערשפעטיגט אין צוויא שעה.

לעבין איהם איז גיזעסין א פריילין זייער גרוים ארטיג אן גיטאהן, זיא האט אויסגיוויזין אומגיפער צוואנציג יאהר: איהר גיזיכט איז גיוועזען זייער אדעל, צוויא שייגה אויגין האבין ארוים גישיינט פון איהר גיזיכט: אין אפאר ראזע ליפען וואס דורך זיא האט זיך ארוים גיזעהן אמונד מיט צוויא ציילין קליינע ציינער וויא פעריל, איהר האלז איז גיוועזען וויא איין שיינער מרמאר, איהרע הענט זיינען גיוועזען וויא זילבער גאלדענע רינגען האבען בעלויכטען איהרע פינגער זיא איז גיזעסין און האט גילע־זין א בריף דורך א גאלדענעם פאסנע וואס איז גיוועזען אויף איהרעם — שייגעם נאז וועלכער וואר אן גיבונדין צוא איין גאלדענעם קייטעל וואס וואר אן גיטאן אויף איהר שייגעם האלז.

אז ער האט דעם בלאט אוועק גילייגט אויפין טיש און האט גיוואלט נעמען דיא גלאז טייא אין האנט, האט ער בע־מערקט דיא קארטיגע פאר־זייגע אויגין: אך וואס פאר אזעלטענע שיינהייט דאס איז, דאס איז דאך נים קיין מענש נור איין געטין: וויא עס ווייזט אוים איז זיא נים לאנג גיקומען. ווייל פריער האב איך איהר נים גיזעהן: ער וויל טרינקען דיא טייא, אבער ער קאן זיינע אויגין נים אראפ נעמען פון איהר, זיא האט מיר צוּ־

גיצייגין וויא צמאגינעט: מען דארף פרובין מאכין מיט איהר צרייד ערפארין וער זיא איז, אונ פון וואנען איז זיא, אונ וואו הין פארט זיא, ער פאסט מוטה אונ ווארט אז זיא — וועט ענדיגין דעם בריף וועט ער מיט איהר פארפיהרען א גישפרעך.

אז דיא פריילין האט גיענדיגט דעם בריף, אונ זיא — האט אים אין קעסענע אריין גילייגט, האט זיא ארויף — גיטאן איהרע שיינה אויגין אויף איהם: ער האט איהר גלייך — גיפרעגט,

איהר זייט פון היר פריילין?

איך בין אוים ציווינע.

פארין זייא אויך מיט דעם פאיאזד?

אזויא ווייזט דאס אויס.

וועלין מיר צוזאמען פארין. ווייל איך בין אויך פון אייער שטאט.

אן וועמען גיהערין זייא? האט דיא פריילין גיפרעגט.

אן מאיר בירמאן.

זייט איהר מאיר'ס אזוהן? האט דיא פריילין מיט א שמייכיל גיפרעגט.

יא, אזויא ווייזט דאס אויס.

אויב אזויא האט זיך אפ גירופין דיא פריילין ווייס איך שוין ווער איהר זייט, גיווים רופט מען אייך — אראן, איך האב זייא גיזעהן מיט דרייא יאהר צוריק ווען איהר זייט גיקומען אין געסט אויף סוכות.

ריכטיג; האט ער מיט שמחה אוים גירעט, איך בין דאן גיקומען אויף יום טוב צהיים, יעצט וואלט איך וועלין וויסין ווער זייא זיינען? אז איהר ווייסט ווער איך בין, וויל איך וויסין מיט וועמען איך רייד.

איך בין קלמנ'ס אטאכטער.

קלמן דעם שיינקערס? האט ער גיפרעגט מיט קורא'ז.

יא וויא גיטראפין.

איהר הייסט ניט ציפה?

ריכטיג, האט זיא מיט אפרייליכין טאן גיענטפערט.

אויב אזויא איז שוין נאהר אנדערש. יעצט ווען — מיר צוא זאמען פארין, אונ מיר וועלין זיך פאר ברייננען דיא צייט וויא באקאנטע, ניט וויא פרעמדע: נאהר איך וועל אייך פרעגין ציפה פון וואנען פארין זייא?

איך בין גיוועזן אויף אחתונה ביי מיינע אקוזינע אין דעבנער.

קומט אייך דאך אמזל טוב, אונ ריידענדיג, גיט ער איהר דיא האנט מיט דיא ווערטער,

גיב גאט איטער גליק, וויא איך בין באקאנט גיווארין מיט אייך אין אנא גליקליכע שעה, אזויא זאלין מיר זיך שטענדיג צוזאמען קומען אין פערגניגען.

איך בין זייער צוא פרידען פון אייער וואונש האט ציפה גיענטפערט האלטענדיג זיין האנט.

זייא וואלטין גיוויס פאר קראכין אין אטיפין ראזגאוואר נאהר מען האט זייא איבער גישלאגין זייער רעדע, ווייל מען האט אויס גירופין מען זאל נעמען בילעטין.

ציפה, האט אראן זיך אפ גירופין צוא איהר, איך וועל ניין נעמען בילעטין פאר אונז, אונ איהר וועט אזויא גוט זיין אכטונג געבין אויף דיא טשעמאדאנעס אונ אז מיר וועלין שוין האבין בילעטין וועלען מיר אין וואגאן זיך רוהיג פאר בריינגען דיא צייט.

זייער גוט, האט ציפה גיענטפערט, באט אייך גלט אויף א בילעט.

זאל זיין, האט אראן גיזאגט מיט א שמייכיל, איהר וועט צייט האבין אפ צוא צאלין, אונ ער איז גיגאנגען — צום קאסע אונ האט גינומען צוויא בילעטין.

דער ווייל איז אן גיקומען דער פאיעזד, ארון האט איהר טשעמאדאן מיט זיינעם ארין גיטראגין אין וואגאן, ער האט איהר פארזארגט מיט א גוטין ארט, אונ אז זייא — זייא[…] שוין גיזעסין

רוּהִיג הָאט מֶען גִיגֶעבִּין דֶעם דְרִיטֶען זְוָואנָאק אוּנ דֶער פָּאיֶעזְד אִיז פַארְשְׁוואוּנְדִין גִיוָוארִין פוּן סְטַאנְצִיֶע.

## 2.

### אִין וַואגָאן.

אַז דֶער פָּאיֶעזְד אִיז שׁוֹין גִיוֶועןְ אִין הֶעלְפְט וֶועג צוּא דֶער צְוֵוייטֶער סְטַאנְצִיָא. הָאט אראן זִיךְ אוֹיף גִיחַאפְּט וִויא פוּן שְׁלָאף: עֶר אִיז גִיוֶוען זֵייעֶר פַארְטִיפְט אִין זַיינֶע גִידַאנְקִין, עֶר הָאט גִיקוּקְט דוּרְכִין פֶענְצְטֶער אוּנ הָאט — גִיזֶעהְן וִויא פֶעלְדֶער, וֶועלְדֶער, דֶערְפֶער לוֹיפִין פַאר בַּייא — זַיינֶע אוֹיגִין, נַאכְהֶער הָאט עֶר אַקוּק גִיטָאן אוֹיף צִיפֶּה'ן עֶר הָאט אַרוֹיס גִיזֶעהְן אַז זִיא אִיז אוֹיךְ פַארְקְלֶערְט.

וָואס זַייט אִיהר אַזוֹיא פַאר קְלֶערְט? הָאט אראן אִיהר גִיפְּרֶעגְט מִיט אַ שְׁמֵייכִיל.

אִיךְ קְלֶער וִויא גִיךְ דִיא צַייט לוֹיפְט, נֶעכְטִין בִּין אִיךְ גִיוֶוען אוֹיף אַחַתוּנָה, גִיוֵויינְטְלִיךְ הָאבִּין מִיר זִיךְ דִיא צַייט זֵייעֶר גוּט פֶערְבְּרַאכְט, אוּנ יֶעצְט אִיז גָאהר וִויא נִיט גִיוֶוען: הַיינְט בִּין אִיךְ הִיר מָארְגִין וֶועל אִיךְ זַיין צוּא הוֹיזֶע, עֶס לוֹיפְט דִיא צַייט וִויא דֶער בַּאן וָואס לוֹיפְט אִיבֶּער זֵייעֶר — גִיךְ בְּרִיקִין, פֶעלְדֶער, וָועלְדֶער, אַ שָׁאדִין אוֹיף דִיא צַייט וָואס זִיא לוֹיפְט אַוֶועק.

גֶעגִין דֶער גֶאטְוּהר דַארְף מֶען זִיךְ נִיט בַּאקְלָאגִין הָאט אראן זִיךְ אָפּ גִירוּפִין, דִיא צַייט מוּז גַיין אִיהר וֶועג:

נָאהר וָואס דֶען?

וֶוען דִיא צַייט גֵייט זִיךְ דוּרְךְ מִיט פִיל פֶערְגְנִיגֶען אִיז נִיטָא וָואס עֶס זָאל פַארְדְרִיסִין, אָבֶּער וֶוען זִיא קְרִיכְט דוּרְךְ גָאט בֶּעהִיטֶע אִין שְׁלֶעכְטֶעס דַאן אִיז שׁוֹין אַסאַדִין: וַוייל דִיא צַייט וָואס גֵייט אַוֶועק וֶועט זִיךְ נִיט אוּמְקֶערִין, דֶעם גָאמֶען פוּן טָאג אִיז אַלֶע טָאג צוּא בַּאקוּמֶען אָבֶּער דֶער טָאג אִיז שׁוֹין פַארְפַאלִין: אַלְזָא מוּז דֶער מֶענְשׁ זֶעהְן וִויא וַוייט מֶעגְלִיךְ אִיז עֶר זָאל זִיךְ פַארְשַׁאפִין יֶעדֶער טָאג

פערגניגען, ווייל גאט האט באשאפין דיא וועלט ניט פאר מלאכים נאהר פאר דעם מענשין; מוז דער מענש זעהן אין גאט'ס טאג צוא האבין פארגעניגען.

יא, דאס איז ריכטיג, האט ציפה גיענטפערט מיט א שמייכיל וואס דיא גאנצע צייט האט זיא איהרע אויגין ניט אראפ גינומען פון איהם, זיא האט באטראכט וויא ער האט באטראכט וויא ער האט גירעט מיט קורא: נאכהער רופט זיא זיא זיך אפ מיט דיא — ווערטער.

איהר פאר ברייננט אייערע טעג אין פארגעניגען?

גיוויס פריילין, ביא אונז אין אדעס איז יעדער מענש ועט דיא צייט וואס גייט זיך איהר וועג צוא האבין פארגעניגען וויא ווייט מעגליך איז: אונ זייא האבין זייער רעכט, קיין צווייא וועלטין לעבט מען ניט, דארף מען זעהן צוא האבין פארגעניגען פון טאג וואס גייט אוועק, דא איז שוין אבער אנדערס, יעדער מענש איז פארטאהן צוא פיל אין גישעפט ער עסט ניט, ער דרינקט ניט צוא דער צייט, ער ווערט אפ גישוואכט, ער ווערט גיך אלט: יא, ארבעטין מוז מען, אבער מיט א צייט, ווארום זאל דער מענש זיין קערפער פאר דארבין וואס מען קאן ניט באקומען אפ צוא קויפין פאר דיא געלט וואס דאס באקומט מען: "ווען עס איז דא ביינער ראן זיין פלייש" זאגט דיא וועלט אווער־טיל, דארף מען דאך גוט היטין דיא ביינער, ניט איבער געבין דיא ביינער פאר דיא נארישע געלט.

מיא זאגט מאקי דעם ווערטיל. "מען לעבט וויא אין אדעס" דאס איז מיר זייער גיפעלין: אין אזא שטאט צוא זיין וואלט איך האבין לוסט האט ציפה מיט א שמייכיל — גיזאגט, עס איז ריכטיג, אזויא דארף זיין, בפרט יונגע מענשין דארפין גיוויס וויסין פון א לעבין.

זייא האבין לוסט צוא אדעסא האט אראן גיענטפערט, ווען זייא וועלין זיין אין אדעס, וועט איהר גיוויס ניט וועלין אפ פארין ווייל אין איהר איז אלע פארגעניגען פאראן וואס מאכין דעם מענשין

זיפֿער: און דאָס בּריינגט פיל נוצין מיט מען זאָל וויסען וויא צוא לעבּין אויף דער וועלט.

ווען מיר וועט זיך מאַכין אצופאל צוא זיין אין אַדעסערקע וועל איך זיך גיווים ניט אַנטזאָגין, האָט ציפה מיט אַ באַתאַלטענעם שמייכיל גיענטפערט.

עס קאָן געבּין אז אייער פארלאַנג זאָל איספּאָלנייעט ווערין האָט איהר גיענטפערט, און האָט איהר גלייך גיקוקט אין דיא אויגין וואָס פאַר איין אַנדרוק זיינע ווערטער וועלין מאַכין, גלויבּט מיר גינעדיגע פריילין, איך האָבּ זיך אויך ניט גיגלויבּט צוא זיין אין אדעססא, דאָך האָט זיך גימאַכט אַזאַ סלוּצאַי: דאָס זעלבּע קאָן זייא אויך טרעפין, מען קאָן גאָהר ניט וויסין וואָס דיא צייט וועט מאַכין.

וויא איך רעכין זיינען זייא שוין איין אדעסער אויף אַלע מאָהל האָט זיך ציפה אָפּ גירופין.

וואָס מיינט איהר דער מיט פריילין?

נאָר איינפאַך גיווים האָבּין זייא שוין איין אוים זיכט — צוא פאַר בּלייבּין אין אַדעס.

איזווינִיטי פריילין, איך קאָן נאָך אַלץ פאַרשטיין וואָס זייא מיינען דער מיט.

גיווים מאַכט איהר זיך בּודטאַ וויא איהר ווייסט ניט, אָצַען פּראָסטאָ, איך מיין גיווים האָבּין זייא שוין גישלאָסין איין פּאַרטייא אוים אַדעס; אָדער איהר האָט איין אויסזיכט צוא נעמען אַ פראַוא פון דאָרטין.

יעצט פאַרשטייא איך שוין ריכטיג, גאָהר אין גענענטהייל איך האָבּ נאָר ניט אין זינען צוא הייראַטין פון דאָרטין: איך וויל נאָהר פון מיין געגענד הייראַטין ווען עס וועט זיך מאַכין וויא איך מיין: אין מיין יעצטיגער פאָרין צוא הויזע איז פאַצטיא צוא ליבּ דעם, ווייל מיינע עלטערין האָבּין מיר גישריבּין איך זאָל קומען צוא הויזע: ערשטינס איז שוין צייט צוא זעהן זיך מיט — עלטערין, נאַסטיִעוִוין מיר אַז איך זאָהל חתונה האָבּין.

אדעסער התן נים

ניט קיין פארברעך האט זיך ציפה אפ גירופין, גיווים וילין עלטערין האבין פארגעניגען פון קינדער: אונ מאכין חתונה א קינד איז דאס דיא ערשטע פארגעניגען ביא זיא, גיוויינטליך אוידער מען האדעוועט אוים א קינד קומט אן ניט גיך אונ גרינג: ווילין זיא שוין וואס גיבער האבין דעם פארגעניגען פון דאס קינד'ס הויכצייט.

יא דאס איז ריכטיג האט אראן זיך אפ גירופין, נאהר גלויבט מיר ציפה ווען מיר זאל זיך מאכין אפארטייא פון היר נאך מיין וואונש, איז ביא מיר רעכט צוא שיידין זיך מיט דער שיינער שטאט אדעסא, איך בין זיבער אז איך וועל מאכין גוטע אוספיעכין וואו איך וועל זיין: ווייל דער ארט וואו דיא פרויא איז, איז טהייערער פאר דיא גרעסטע פארגעניגען פון אדעס.

רעכינט איהר אראן צוא נוארפין אדעסער לוקכוס צוא ליב דיא פרויא, אבער איהר זייט דאך שוין אפ גיוויינט פון דיזען געגינד, וויא וועט איהר זיך קאנען צוא גיוויינען?

דאס איז פון דיא קליינע זאכין, גלויבט מיר פריילין אז מיין פרויא וועט האבין איהר אודאוואיילקטווא וויא אדעסער פרויען אונ איך וועל זיך פירין "פא אדעסקאמו", אונ אויסער אלעם, איז יעצט נאר אנאנדער וועלט, אין דיא שטעט אדער שטעטליך נוייסין שוין אויך אלע פרויען צימער וואס גוט איז: נאהר איך וועל אייך פרעגין פרייל׳ן דאס זעלבע וואס איהר האט מיר — גיפרעגט.

איך נויים ניט אראן וואס איהר מיינט דער מיט.

איך מיין דאס זעלבע וואס איהר האט גימיינט. האט אראן מיט א שמייכיל גיענטפערט.

איך האב שוין פארגעסין וואס איך האב גימיינט, האט זיא מיט א בעהאלטענעם גילעכטער גיזאגט.

קאן איך אייך דערמאנען, האט אראן גיענטפערט איהר האט שוין פילייכט א פארטייא באקומען?

דער ווייל נוייס איך נאך ניט וואו איך וועל מגולגל ווערין.

אדעסער חתן  אויב

או"ב אזויא זיינען מיר ביידע פרייע, האט אראן איהר שטיל גיענטפערט. ער האט זיך פארטראכט עטוואס, נאר דער קאנטראלאר האט איהם זיין גידאנק איבער גישלאגין! ווייל ער האט גיפאדערט דיא בילעטין.

מיר זיינען שוין אין „בירזולא" האט אראן זיך אפ גירופין, איהר ווייסט ציפה, דא שטייט דער פאיעזד א שעה צייט, איך וועל אריין טראגין טייא און מיר וועלין צובייסין.

זייער אנגינעהם האט ציפה גיענטפערט.

# 3.

## גוט באקאנט,

אז דער פאיעזד איז גיקומען אויפין סטאנציע, איז אראן אריין — אין בופעט און האט אריין גיטראגין טייא: זייא האבין צוא גיביסין און אפ גיטרונקין טייא, און האבין נאכהער גימאכט א זעקס אונזעכצינ, נאכהער רופט זיך אפ אראן, גיוויס ווילט איהר שלאפין, ווייל — איהר זייט דאך גיוועזן אויף אחתונה, גיוויינטליך זייט איהר ניט אוים גישלאפין: איך האב אקיסין מיט א דעקע, איך וועל באלד מאכין אגוטין גילעגער פאר אייך.

איך דאנקע אייך אראן, ווארום דארפט איהר זיך אזויא פיל באמיהען וועגין מיר?

שפעטער וועט איהר מיר דאנקין, דער ווייל קומט מיר ניט קיין דאנק: ער האט צוא זאמען גילייגט דיא קאלדרע, און האט אוים גיבעט אויפין באנק, און צוא קאפין האט ער גיהאט אגרויסע קישין מיט אפאשציק: ער האט ארוים גינומען פון זיין טשעמאדאן אקאפע און זיא האט זיך גילייגט שלאפין, און זיא איז גיך איינשלאפין גיווארין.

אך וואס פאר א שיינה קינד דאס איז האט אראן גיקלערט צו וואס טויג מיר אסך געלט, אט דאס איז טהייערער פאר אלעס קיין שאץ אויף דער וועלט קאן ניט אף וועגין געגין דעם: וויא — גלייך וועט זיין דער פערזאהן וואס ער וועט איהר פאר א פרויא באקומען שאדע וואס איך האב ניט גיהאט דאס גליק באקאנט צו ווערין מיט א יאהר פריער: פיליייכט וואלט איך איהר גיקאנט — באקומען... נאהר וואס רייד איך, טפו וויא קום איך צוא איהר? זיא איז פון א גרויסע פאמיליע, גיוויס וועט מען איהר — געבין אסך גדן, גיוויינט־ליך וועלין זייא מאהן א שידוך וויא פאר איהר פאסט: נאהר צוא ריק ריידינדיג, וואס בין איך א שניידער? איך בין גאט צוא דאנקין א מענש מיט א נוטין טאלאנט אין האנט, ביז יעצט האב איך גיטמין פופציג רובל אמאנאט, ווייל איך בין נאך א חאלאשטאי ווען איך וועל הייראטין וועל איך גיוויס נעמען מעהר: אונ אויסער אלעס, דארף מען דיא שטעלע אויף "צעהן כפרות" איך קען האנדלען אויפין איינעגעם רעכענונג, אדער מען באקומט א שותף אין גיטריידע גישעפט בין איך א שפעצאליסט, אפעדער אין האנט האב איך, קיין ארים בחור בין איך גיט, עס קאן זיין אז איהרע עלטערין פארלאנגען נאר ניט קיין בעסערין שידוך: קיין דאקטאר, אדער אפטייקער וועלין זייא גיט נעמען, ווייל גיט זייער קעסענע איז אויף דעם, דאס שמעקט מיט אסך טויזענדער אונ גיט זייער פאמיליע זוכין דאס, איהר פאטער איז דאך אפראסטער ערליכער איד, גיט קיין אריסטאקראט; עס קאן געבין אז דער צופאל וואס מיר האבין זיך יעצט צוא זאמען גיקומען זאל אונז פירין צוא אצעל;

נאהר וואס דען?

עס קאן געבין אז זיא האט איהר הארץ אנאנדערין איבער — גיגעבין, הגם זיא האט מיר גיזאגט אז זיא האט נאך ניט גישלאסין קיין פארטייא? דאך קאן געבין אז אין איהר הערצין איז פאראן א פערזאן וואס זיא דיינקט וועגין איהם; מוז מען טאהן אזויא, מען דארף ווערין מיט איהר גוט באקאנט, ד"ה — מיט איהר זיך

אדעסער חתן   זעהן

וָעהן אָפְּט , פְּרָעדְלַאנְגֶיעָן דוּרְךְ צוּא גֵיין מִיט אִיהר אָפְּט שְׁפַּאצִירִין ,
דַאן זָועל אִיךְ וִויסִין צוּא אִיךְ הָאבּ וָואס צוּא דֵיינְקִין וָועגִין אִיהר
אָדֶער נִיט : אַז זִיא וָועט זַיין צוּא — פְּרִידִין מִיט מַיין זְגַאקָאמְסְטְוָוא
אוּנ זִיא וָועט זִיךְ נִיט אַנְטְזַאגִין צוּא גֵיין מִיט מִיר , אִיז אַבֶּעוַיייז אַז
אִיךְ בִּין נִיט וַייט פוּן מַיין גְלִיק :

נָאהר וִויא טוּט מֶען ? וִויא הוֹיבְּט מֶען אָן צוּא רֵיידִין
וֶיעגִין דָעם ?

הַא , . . נָאהר אַהַא עֶס אִיז דָא אַמִיטִיל אוֹיף מַיין עֶהרִין וָוארְט
אַ טְהַייעָרֶער מִיטִיל וָואס בֶּעסֶער קָאן נִיט זַיין : אִיךְ וָועל אִיהר נֶעבִּין
צוּא עֶרְקְלֶערִין וִויא אִין אַדֶּעם גֵייט מֶען אַלֶע אָווִינְד שְׁפַּאצִירִין ,
אוּנ אַזוֹיא וִויא אִיךְ בִּין צִיין גֶיוַויינְט אִין דָעם , וַויל אִיךְ דָא אוֹיךְ גֵיין :
נָאהר אַלַיין גֵייט מֶען דָאךְ נִיט וָועל אִיךְ אִיהר בֶּעטִין אַז זִיא זָאל
מִיר צוּא לִיבּ טָאהן : אוּנ וִויא אִיךְ רָעכִין וָועט זִיא מִיר נִיט אַנְטְזַאגִין
זִיא אִיז אַראַזְווִיטְנֶע קִינְד , גֶיוִויס זִיצְט זִיא נִיט טָאג אוּנ נַאכְט אִין
שְׁטוּבּ : גֶיוַויינְטְלִיךְ וָועל אִיךְ נָאךְ וֶוערִין פְּרֵייעָר בַּייא זַייא אִין
שְׁטוּבּ אַיין אַיינְגֵייעָר , וַוייל אִיךְ הָאבּ דָאךְ אַ אוֹיס רֵייד , דָער מִיט
וָואס מִיר זַיינֶען צוּזַאמֶען גִיפָארִין :

קוֹרְץ עֶס אִיז דָא אַמִיר וואוּ אַריין צוּא גֵיין — צוּא זַייא אִין
שְׁטוּבּ , אַךְ וִויא דֶער לֶעבּ אִיךְ שוֹין אַז זִיא זָאל שוֹין אוֹיף שְׁטֵיין ,
עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר לַאנְגְוַויילִיג דִיא צַייט וָואס זִיא שְׁלָאפְט , וָוען אִיךְ
רֵייד מִיט אִיהר אִיז מִיר דִיא צַייט זֵייעֶר קוֹרְץ : נָאהר עֶס אִיז אַרַחְמָנוּת
אוֹיף אִיהר , זִיא הָאט נֶעבִּיךְ נִיט גִישְׁלָאפִין גִיוִויס צְוַוייא נֶעכְט , אַזַא
צַדֶעל קִינְד אִיז דָאךְ אִיהר עֶרְגֶער וִויא אַנְאנְדֶערִין : אִיהרֶע שֵׁיינֶה
אֵייגֶעלֶעךְ וָועלִין דָאךְ וֶוערִין פְּרֵייעֶר , אָ וִויא . . . נָאהר שַׁא זִיא
וַואכְט זִיךְ שוֹין אוֹיף , שְׁלָאף נָאךְ אַבִּיסֶעלֶע צִיפִינִיקֶע , רוּה זִיךְ
גוּט אוֹיס . . .

מִיט דִיא גִידַאנְקִין אִיז אראן גִיזֶעסִין גֶעגִין דִיא שְׁלָאפִידִינֶע
פְּרֵיילִין , זַיינֶע גִידַאנְקִין הָאבִּין אִיהם נִיט גִילָאזְט רוּהֶען , עֶר אִיז
גֶעוָועהֶען וִויא אוֹיף הֵייסֶע קוֹילֶען : אִים הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט זִיא זָאל

שוין אויף שטיין, ער איז געוועזען נאטאוו עס זאל איהם קאסטין וועך ווייסט וויא פיל, נאהר מיט ציפען צוא פארברייננען.

צוא יעדער זאך מוז נעמען אַ ענדע, דא איז אויך דאס זעלבע געשעהן: עס איז איבער געלאפען פינף שעה — וואס בייא איהר איז דאס געוועזען קעגטינג וויא פינף מינוט, נאהר בייא איהם איז שוין געוועזען וויא פינף יאהר: ציפה האט אויף געעפינט איהרע שיינע אויגען, זיא האט איהם געפרעגט שטיל מיט אליבליכען שמייכעל.

וואו געפינען מיר זיך?

מיר זיינען שוין לעבין קריזאפיל.

איך האב זיך גוט אויס געשלאפין. געוויס האב איך אַ שעה פינף אפ געשלאפען: זיא האט ארוים גענומען איהר זייגעריל — אונ האט איהם געעפינט. איהר זעט אראן וויא איך האב געטראפין, ריכטינ פינף שעה אפ געשלאפין אויף איין זייט.

דאס איז נאהר קיין סך ניט, האט אראן איהר געענטפערט, איהר האט געוויס ניט געשלאפען צוויא נעכט: איהר קענט נאך שלאפין. דיא צייט ערלויבט אייך.

איך דאנקע אייך גוטער אראן, איך בין וויא בייא געבארען געוואָרען, עס איז ריכטינ וויא מען זאגט, אז שלאפין איז — טהייערער פאר אלעס: איך פיל מיר וויא דיא קאפ איז מיר געווארען פרייא.

מיר פרייד זייער ציפה וואס איהר האט זיך עטוואס אויס גערוהט, אז איהר וועט קומען צוא הויזע וועט איהר זיך געוויס פיל בעסער אויסרוהען וויא דא.

איך האב דא זייער גוט אויס גערוהט, אונ איך בין זייער צוא פרידען פון דעם גאנצין צופאל וואס מיר האט געטראפין מיט יעצטיגע רייזע.

אראן האט איהר געגעבען דיא האנט מיט דיא ווערטער.

איך בין זייער צוא פרידין דער מיט וואס איהר זייט צוא פרידין, מיר פרייט זייער אייער באקאנטשאפט; וויא גרויס

אדרעסער הת: וואלש

וָואלְט גִיוֶועְן מַיין גְלִיק דָאס אִיךְ זָאל זַייא קָאנֶען אָפְּט בַּאזוּכְן צוּא הוֹיזֶע.

מִיט דֶעם גְרֶעסְטֶען פַארְגֶענִיגֶען אראן, בִּיטֶע מִיר צוּא בְּאזוּכְן וֶוען זַייא אִיז אַנְגֶענֶעהם.

אראן אִיז גֶעוָוארֶען אוּמֶער זִיךְ פַאר פְרֵייד.

זַייא זַיינֶען צוּזַאמֶען גֶעפָארֶען בִּיז צוּא הוֹיזֶע.

# 4.

## אַיין גִילִיבְּט

אַז זַייא זַיינֶען גֶעקוּמֶען אִין ציווינע אִין וָואגְזַאל, הָאט אראן — זִיךְ גֶעשֵׁיידֶעט מִיט ציפה׳ן, עֶר הָאט אִיהר צוּא גֶע-זָאגְט אַז אִין אָוִונְט וֶועט עֶר בַּייא אִיהר זַיין עֶר הָאט — גֶע-טְרָאפֶען וִויא זַיינֶע עֶלְטֶערין ווארְטֶען אוֹיף אִיהם אִין וַואגְזַאל.

עֶר הָאט גֶענוּמֶען אַ אִיזְוָואשְׁצִיק אוּן אִיז אַרָאפּ גֶעפָארֶען מִיט דִיא עֶלְטֶערֶען צוּא הוֹיזֶע, עֶר הָאט גֶעטְרָאפֶען אַ זִידֶענְדֶעם סַאמָאוַואר שְׁטֵייט אוֹיפִין טִישׁ אוּן וַוארְט אוֹיף דִיא גֶעסְט: מִיא הָאט גְלַייךְ אָן גֶעגָאסֶען טֵייא. אוּן אראן הָאט זַייא דֶער צֵיילְט נַייס פוּן וֶועלְכֶע זַייא זַיינֶען גֶעוֶוען צוּא פְרִידֶען.

וואוּ הָאסְטוּ זִיךְ גֶעטְרָאפֶען מִיט ציפה׳ן? הָאט אִיהם דִיא — מוּטֶער גֶעפְרֶעגְט.

זִיא אִיז גֶעוֶוען אוֹיף אַחתוּנָה הָאבִּין מִיר זִיךְ בַּאגֶעגִינְד אִין וַואגְזַאל.

אראן, הָאט דִיא מוּטֶער גֶעפְרֶעגְט, דוּא הָאסְט אִיהר דֶערְקָאנְט?

נֵיין.

אוּן זִיא דִיר?

אוֹיךְ נִיט.

וויא אזויא זייט איהר באקאנט געווארען ?

גאר איין פאך, מיר האבין זיך פאנאנדער גערעט ביז עס איז ארוים דער אמת.

זייער א וויל קינד, האט דיא מוטער געזאגט.

וויא פיל ציפה'ס געפינען זיך? האט דער פאטער זיך אפ גערופען, דער ווייל איז זיא כמעט איינע אין שטאט, מיר דוכט אין אדעס איז אויך ניטא קיין סך ציפה'ס.

אראן האט זיך געמאכט וויא ער נוויס גאר ניט פון דעם נאכהער רופט ער זיך אפ. איך בין איהר "אבעל הוב" איך האב איהר צוא געזאגט היינט בייא נאכט אפ צוא צאלין גיט אנדערס.

דוא האסט בייא איהר געלט געליען? האבין אים גיפרעגט דיא עלטערין מיט אנומעדיקען טאן.

נאך ערגער וויא געלט.

נוא, לאמיר שוין הערין?

האבין דיא עלטערען געזאגט.

איך האב איהר צוגעזאגט צוא מאכין א וויזיט.

נוייס איך! האבען זיך אפ גערופען דיא עלטערין, עס איז נאר אומפאסיג, שוין אין געסט.

ווען עס וואלט געווען אומפאסיג וואלט זיא מיר ניט גע-בעטען, און איך וואלט ניט גענאנגען: אין גענענטהייל נאהר היינט, ווייל מיר זיינען צוזאמען געפארען, און מיר האבין זיך צו-זאמען דיא — צייט פארבראכט פאסט צוא גיין זעהן וואס זיא מאכט.

וויא הייסט דאס וואס זיא מאכט? האט דער פאטער אים געפרעגט, זיא איז דען חס ושלום ניט געזונד?

נאט בעהיטע! האט אראן זיך אפ גערופען סעריאזנע, אזא קינד דארף זיין אימער געזונד, בפרט איהר האט דאך זעלבסט געזאגט אז זיא איז איין אויסנאהם: גאהר עס פירט זיך בייא דיא אדעלע מענשין ווען זייא ווערין באקאנט פארענדיג, גייט מען נאכהער געוואר ווערין, און אזויא וויא זיא איז איין אדעלע

אדעסער התן פריילען.

פריילעך, איז דער אבגאנאמט אז מען מוז גיין אבשטאטין א וויזיט, אונ צואוריגשיקן דיא עלטערין מיט זייער גאסט.

ווען דוא וואלסט פאלגען וואס מע זאגט דיר, וואלט איך געווען זייער צוא פרידען אונ וואלט דיר געזאגט, אבער וויא וויא איך זעה ארוים אז דוא וועסט ניט פאלגען, וויל איך דיר בעסער ניט זאגען, האט דיא מוטער צראגען געזאגט מיט א שמייכעל.

מוטער, איך בעט דיר טוה מיר צוא ליב אונ זאג מיר ניט דיין מיינונג, וויל איך בין געווען אין אנוועלט אונ צווישען גרויסע גרוים ארטיגע מענשען, איך האב זיך גענוג אן געזעהן אונ אן געהערט וויא צוא באגיין זיך געגען מענשען: אונ אויסער אלעם, איז זיא דאך ניט א שוסטערס אטאכטער, ווארום זאל איך ניט פאסטען אז איך זאל גיין צוא זיא.

אין געגענטייל; האט דיא מוטער זיך אפ גערופען, זיא איז א רייכע קינד, אונ דוא ביזט...

געלט שפילט קיין ראליע ניט ביי אונזערע מענשען, אדרבה, אין אדעם וואס דער מענש איז רייכער, איז ער ביי זיך מעהר פראסטער: דארטין שפילט אראליע נאהר א מענש וואס האט אין זיך אמענשליכען כאראקטאר.

גיין מיין קינד האט זיך דיא מוטער אפ גערופען, דא איז איבער הויפט ווער עס האט דיא מטבעה יענער זאגט דיא דעה. דא איז ניט אדעם. אונ אין וואס פאר אנארט מיא געפינט זיך. אזויא דארף מען מיט שטימען.

דאס וועט ניט זיין, האט אראן געזאגט, צוא דען אז איך וועל קומען אויף א ארט וואס מען דאבעוועט — וועל איך אויך באבעווין?

דאס פאר שטייט דאך אקליין קינד אויך, אז מען דארף זיך נאהר לערנען פון ארינטליכע מענשין, פון אדעלין כאראקטאר, ניט פון פארדארבענע מענשין: אלא קאן מען ניט פארלאנגען פון מיר או איך זאל מיט שטימען מיט דיא נארישע מענשען.

אדעסער חתן

מיר

מיר שטערען דיר ניט חס ושלום, האט דיא מוטער גע-
זאגט, אויב דוא פילסט בייא זיך, אז דוא וועסט האבין פון
דעם פארגעניגען פארגין איך דיר מיטין גאנצין הארצין.

מיר זעהן בייא נאכט וויא אראן האט זיך צוא גיקליבין
אונ איז אוועק געגאנגען צוא ציפה'ן.

אט דאס איז איין ארענטליכער מאן האט ציפה איהם
איבער גענומען, וויא ער איז אריין אין שטוב.

פאטער! האט ציפה געזאגט דוא קאנסט איהם?

ניין, איך דער קאן איהם ניט.

דאס איז אראן מאיר בירמאנ'ס זאהן.

זייער אנגענעהם, האט דער פאטער געזאגט. אנאסט הלעבין
נא דיר „שלום עליכם"

עליכם שלום.

וואס זע מאכסטו? דוא ביזט דאכט מיר אין אדעס?

איך בין געוועזען אין אדעס, נאהר יעצט בין איך היר.

געראכט, גוט געזאגט, פון וואנען קאנסטו איהם ציפה?

מיר זיינען צוזאמען געפארען, אונ מיר האבין זיך באקאנט
פארענדיג.

ציפה האט דערציילט דיא עלטערען וויא ער האט זיך
באהאנדעלט געגין איהר, אונ וויא עס איז פאר געקומען דיא
גאנצע וועג ביז זיא איז געקומען צוא הוינע.

זייא זיינען אריין אין זאל, אונ מיא האט זיך לוסטיג
פארבראכט, אראן האט זייא דערציילט נייס פון אדעסא, ציפה
האט איהרע אויגין ניט אראפ גענומען פון אראנען, נאהר ווען
ער האט אקוק געטאן אויף איהר דאן האט זיא פלינק — אראפ
גענומען איהרע אויגען.

אראן איז געזעסען ביז אוהר עלף, נאכהער האט ער גע-
נומען אפשייד אונ איז געגאנגען צוא הויזע מיט דיא באגלייטונג

פון ציפּה׳ן מ׳ט איהר מוּטֶער וָואס הָאבֶּען אִים בַּאגְלַייט דוּרְכ׳ן הויף אויפֿין גַאס; זַייא הָאבֶּען עֶס גֶעבֶּעטֶען אַז עֶר זָאל אָפְט קוּמֶען צוּא זַייא.

אַז אראן אִיז שוֹין אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען, הָאט זִיךְ אָפּ גֶערוּפֶען ציפּה׳ס מוּטֶער, אַךְ וָואס פַּאר אַשַיינֶער מֶענְש דָאס אִיז, עֶס אִיז דָאךְ אַמְחַיָה מִיט אִיהם צוּא רַיידֶען: אַז מֶען אִיז צְוִוישֶען מֶענְשֶען וֶוערְט מֶען אַלַיין אַמֶענְש.

ציפּה אִיז גֶעוֶוען זַייעֶר צוּא פְרִידֶען פון דִיא מוּטֶערְ׳ס רַייד. אוּנ אִיבֶּער הוֹיפְּט וָואס אראן וֶועט קוּמֶען אָפְט צוּא זַייא: זִיא הָאט זִיךְ גֶעלַייגְט שְלָאפֶען, אָבֶּער אראנ׳ס גֶעשְטַאלְט שְטֵייט אִיהר אַנְטְקֶעגֶען, אַךְ וָואס פַּאר אַמֶענְש דָאס אִיז, זַיין נוּסָח כאַרַאקְטָאר מִיט זַיינֶע קְלוּגֶע רַייד דֶערְקְוִויקֶען דָאךְ יֶעדֶער — מֶענְשֶין, אַךְ וִויא גְלִיקְלִיךְ וֶועט זַיין דִיא פְרוֹיא וָואס וֶועט אִין זַיינֶע הֶענְט אַרַיין פַאלֶען, אִיךְ וָוא . . . . אוּנ מִ׳ט דֶעם גֶעדַאנְק אִיז זִיא אַנְשְלָאפֶען גֶעוָוארֶען.

5.

## אָפִין גִירֶעט.

מִיר זֶעהֶן וִויא אראן גֵייט אָפְט אַריין צוּא ציפּה׳ן, אוּנ פִיל מָאהל טְרֶעפְט אַז מֶען הָאט זִייא בַּאגֶעגְנְט גֵייעֶנְדִיג;

עֶס אִיז אִיבֶּער גֶעלָאפֶען אַ מָאנְהַייט צַייט וִויא אראן אִיז צוּא הוֹיזֶע גֶעקוּמֶען, מֶען שְטֶעלְט אִים פָאר פַּארְטִייעֶן, אָבֶּער אוֹיף יֶעדֶער פַּארְטֵייא גֶעפִינְט עֶר אַפֶעלֶער: דִיא עֶלְטֶערְן הָאבֶּען יַא

באמערקט אז דער אפ זאגן זיך זיינער איז איבער דעם וואס
ער גייט אריין צוא ציפה'ן. הנם זייא האבען גערעבענט אז —
אראן מיינט גאר גיסט מיט זיינע וויזיטען. ער מיינט מעהר ניט
דיא צייט צוא פארברייננגען, דאך האט דאס געשטערט ארום —
אונ ארום, ווען ער וואלט געווען א שטובזיקער וואלט ער געוויס
ניט געבראקירט מיט דיא שידוכים: דאך האבען זייא גערעבענט
עס וועט איהם מיאוס ווערען, ער וועט אליין אויף הערען צוא
גיין: זייא איז גאר ניט ארויף אויפן זינען אז דיא קינדער —
זיינען גוט באקאנט, אונ צוזאמען געבונדען געווארען אז עס —
איז אומעגליך זייא צוא דערנייטערען איינער פון צווייטען.

אראן האט גאר ניט געוואלט וויסען וואס זיינע עלטערען
דיינקען, ער האט געטאן וואס פאר אים איז בעסער, נאהר ער
האט זיך בארעכינט אז ער מוז מאכין א ענדע מיט ציפה'ן.
איין מאהל איז ער געגאנגען מיט איהר שפאצירען, עס
יז דאן געווען א פינצטערע נאכט, נאהר זייער אווארעמע:
זייא זיינען געגאנגען אין באטאנישען גארטען, אונ האבען זיך
צוא געזעצט אויף א באנק: גראדע אין דעם ארט וואו זייא זיינען
געזעסען איז קיינער ניט געווען, ער קלערט בייא זיך איך מוז
מיט איהר מאכען ארעדע, ער פאסט מוטה אונ זאגט איהר.
ציפה, איך האב מיט אייך וואס צוא ריידען.
איהר קאנט ריידען.
אייערע עלטערען דיינקען ווענען א פארטייא?
נעגין וואס פרעגט איהר?
איך וויל אייך ווערין א שדכן.
אזויא אראן, איהר ווילט שוין פטור ווערען פון מיר.
אין נעגין טייל, איך וויל אייך פארגעניגען פארשאפין.
איך דאנק אייך פאר אייער גוט הארץ האט ציפה — איס
געזאגט, אז איהר ווילט מיר פארזארגען מיט א פארטייא, איז

מַסְתָּמָה עֶפִּים מִיט.... נוּא זָאגְט מִיר װֶער אִיז דָאס דֶער מֶענְ'ש
װָאס אִיהר הָאט צוּא גֶעפַּאסְט פַּאר מִיר.

אראן הָאט נִיט גֶעקָאנְט עֶנְטְפֶערֶען, דִיא חַארְץ הָאט אִים גֶעקְלַאפְּט, אַז עֶר אִיז עֶטְװָאס בַּארוּהִיגְט גֶעוָוארֶען, הָאט עֶר זִיךְ אָפּ גֶערוּפֶען.

עֶר אִיז.... נִיט... װַייט פוּן אַייךְ...

ציפה הָאט גְלַייךְ פַארְשְׁטַאנֶען זַיין מַיינוּנְג, אוּנ זִיא הָאט נָאךְ גֶעװוּסְט פוּן דִיא עֶרְשְׁטֶע בַּאקַאנְטְשַׁאפְט אַז עֶר דֵיינְקְט װֶעגֶין אִיהר; זִיא הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט נִיט װִיסֶענְדִיג — דִיא גַאנְצֶע צַייט, אוּנ יֶעצְט הָאט זִיא אוֹיךְ גֶעפַּאקְט מוּטְה אוּנ הָאט אִים גֶעזָאגְט מִיט דִיא װָערְטֶער.

אִיהר זַייט דָאךְ אַמַאנְשׁ פֶערְנָאהן! װִיא קוּמְט דָאס צוּא אַייךְ אַז אִיהר זַייט עֶפִּים צוּא שְׁרָאקִין? זָאגְט מִיר אראן װָאס אִיז דָאס אַייךְ?

בַּארוּהִיגְט זִיךְ ציפה, עֶס אִיז גָאר נִיסְט: עֶר הָאט אִיהר הַאנְט אָן גֶענוּמֶען אוּנ הָאט אִיהר גֶעזָאגְט מִיט דִיא װֶערְטֶער.

גִינֶעדִיגֶע פְרַיילֶען, מִיר קָאנֶען זִיךְ זֵייעֶר גוּט, אוּנ עֶס אִיז שׁוֹין צַייט אַז מִיר זָאלֶען זִיךְ קָאנֶען. מִיר זַיינֶען נִיט קֵיין קְלֵיינֶע קִינְדֶער, בִּפְרַט נָאךְ פוּן אֵיין שְׁטָאט װִיל אִיךְ װִיסֶען צוּא אִיךְ בִּין גְלִיקְלִיךְ... װַייל מַיין גְלִיק אִיז בַּייא אַייךְ אִין הַאנְט...

ציפה פַּאסְט מוּטְה אוּנ זִיא פְרֶעגְט אִים װָאס מֵיינְט אִיהר דֶער מִיט אראן? גֶעװִיס אראן אַייךְ גְלִיקְלִיךְ מַאכִין אוֹיבּ נָאהר מֶעגְלִיךְ בִּין אִיךְ גַאטָאװ אִין אַלֶע צַייטֶען צוּא טָאהן פַאר אַייךְ.

װָאס נִיט מֶעגְלִיךְ װֶעל אִיךְ נִיט פַארְלַאנְגֶען פוּן זַייא.

נוּא בִּין אִיךְ נַייגֶעהֶערִיג צוּא הֶערֶען פוּן אַייךְ אראן אִין װָאס בַּאשְׁטֵייט דָאס גְלִיק.

אִיךְ װִיל אִיהר זָאלְט זַיין לִיבֶּע ציפה מַיין לֶעבִּינְס — בַּאגְלַייטֶערֶען, אִיךְ װֶעל אָפְּפֶערֶען מַיין לֶעבֶּען פַאר אַייךְ, צַייט אִיךְ

הָאבּ אַייךְ דָער זָעהן בִּין אִיךְ אוֹיס מֶענְשׁ , אִיךְ בִּין בַּייא אַייךְ
אִין הַאנְד צִיפִּינקָע . . .

אִיהר מֵיינְט דָאס עֶרִינְסְט ? פִּילַייכְט דוֹכְט זִיךְ אַייךְ אַז אִיהר
לִיבְּט ..

נַיין מֵיין גָאלְד ! הֵיילִיג . . .

אוֹיבּ אַזוֹיא , זַייט אִיהר פוּן מַיינֶער זַייטֶע נִיט וַוייט אַזוֹיא
וִויא פוּן אַייעֶרֶען . . . נָאהר וָואס וֶועלְ'ן זָאגֶען דִיא עֶלְטֶערֶען ?

צִיפִּינקָה , גֶעגֶען לִיבֶּע קָאן מֶען גָאר נִיסְט שְׁטֶערֶען , זִיא
גְרָאבְּט אֶפּ בֶּערְג אוּנ פַארְשִׁיט טָאלֶען , אוּנ אוֹיסֶער אַלֶעם וֶועלֶען
דִיא עֶלְטֶערֶען נִיט שְׁטֶערֶען אִין זַייעֶרֶע קִינְדֶערְשֶׁע גְלִיק : עֶלְטֶערֶען
ווִילִין אַז קִינְדֶער זָאלֶען הָאבֶּען פַארְגֶעניגֶען , וֶוען אָנְפַאנְגְס וֶועלֶען
זִיא שְׁטֶערֶען , אָבֶּער אַז זַייא וֶועלֶען זֶעהן אַז זַייא קָאנֶען נִיט אוֹיס
פִירֶען , וֶועלֶען זַייא בֶּעסֶער וֶוערֶען , אוּנ רַיידֶענְדִיג הָאט עֶר אִיהר
אַרוּם גֶענוּמֶען אוּנ זַייעֶרֶע לִיפֶּען זַיינֶען צוּא זַאמֶען גֶעקְלֶעפְּט גֶע-
וָוארֶען אוּנ אַ שְׁטִימֶע פוּן אַקוּשׁ הָאט זִיךְ גֶעהֶערְט צְווִישֶׁען דִיא
בֵּיימֶער .

אַי אַראַן ! נִיט אֵיין נַאסֶער וֶועט אִיבֶּער לוֹיפֶען אַיידֶער מִיר
וֶועלֶען קוּמֶען צוּא אוּנְזֶער צִיעל .

שְׁרֶעק זִיךְ נִיט מֵיין לֶעבֶּען . עֶס וֶועט רֶעכְט וֶוערֶען , נָאהר
קַיין מוּטְה נִיט פַאלִירֶען , וֶועט אַלֶעס רֶעכְט וֶוערֶען .

אַראַן הָאט אִיהר אָפּ גֶעפִירְט צוּא הוֹיזֶע .

## 6.

### אַ בּוּמַאטָאכֶע .

הָער יענטע הָאט קלמן גֶעזָאגְט צוּא דִיא פְרוֹיא אִיךְ בִּין גָאר
נִיט

ניט צוא פרידין, פון אדעסער וואס ער איז געוואָרען ביא אונז א גאנצער בן בית.

וואס זע ווילסטו קלמן? איך זאל איהם ארוים טרייבין, קיין מענשין טרייבט מען ניט, ער איז א שטילער אונ איין ארענ־טליכער קינד, הלואי ניט ערגער אויף שפעטער וויא ביז יעצט האט מען גאר ניכט ארוים געזעהן פון אים.

דוא ביזט א אידענע! עס איז מיט דיר גאר ניטא וואס צוא ריידען, דוא ביזט בלינד? דוא זעהסט דען ניט וויא זיא איז וויא אונטער א וואנט; היינט — וואס פאר א פארטייא מיא שטעלט איר פאר איז איהר ניט — געפעלען, עס איז א בושה אונ א חרפה פאר מענשין, דיא שדכנים וועלען שוין געוויס אוים מיידען אונזער שטוב, זיא זיינען געריבט, זיא האבען זיך געווינט אן געבראבען דיא פים, אם ענדע נייען זיא ארוים מיט גאר ניכט; היינט איז געוועזען מענדיל בערע משת'ס אונ האט געבעטען ענטפער אויף דעם שידוך וואס ער רעט מיט יודיל זאק, ווייל זיא איז געפעלען דער שידוך: זיא האבען געבעטען — אז מען זאל זיא שיקען א פריגלאסענע וועלען זיא קומען. מיר געפעלט זייער דער שידוך זיא זיינען פיינע אונ רייכע — מענשען, דער חתן איז אויך פון גאר דיא געריממע בחורים.

וואס זאגסטו אויף דעם?

וואס זאל איך זאגען, אז דוא ביזט מסכים בין איך אויך מסכים, אויב עס איז באשערט פון גאט, זאל ניט זיין פארווערט פון לייטען, דוא קאנסט זאגען דעם שדכן אז שבייתה נאכט זאלען זיא קומען.

מען דארף פרעגען ציפין וואס וועט זיא זאגען, האט קלמן געזאגט צוא דיא פרויא.

וואס קאן דאס שאטען?

וואו איז זיא ציפה?

זיא איז אין זאל.

דיא מוטער האט איהר ארויס גערופען פון זאל מיט דיא ווערטער.

דער פאטער וויל דיר וואס פרעגען, אלזא גייא אריין צוא איהם, ער ווארט אויף דיר אין סטאלאווא.

ציפה'ן האט גאר ניט געשמעקט דיא מוטערס רייד, זיא האט גוט פאר שטאנען אז עס וועט פאר קומען גיע פריאטנאסט, נאהר ווען אפאטער רופט מוז מען גיין: זיא איז אריין — אין סטאלאווע אונ האט זיך געזעצט בייא טיש.

ציפה, שבייתה נאכט וועלען זיין מחותנים, אלזא זע זיך צוא גרייטען וויא עס פאדערט.

איך האב זיך ניט פאר וועמען צוא צוא גרייטען.

איך פארשטייא דיר גיט ציפה וואס דוא טראכסט, דוא וועסט מאכין אז אלע שדכנים וועלען אוים מיידען — אונזער שטוב. זע ציפה, דיר וועט פארדריסען! דוא וועסט חרטה האבען אבער עס וועט שוין זיין נאך דער צייט, דאס איז „א גזר מן השמים"! איך האב זיך ניט געריכט אז דוא זאלסט מיר פאר חושכ'ן מיין לעבין, אונ פאר שמוצין — מיין עהרע: בייא לייטען זיינען שוין אזעלבע פרויען צימער וויא דוא — מוטער'ס פון קינדער, דוא האסט א גאנצען טעות אין פשט! דוא מיינסט אז דוא ביזט אפיצינקע, אי; איך בין „מקבל באהבה" דיא יסורים, אבער פאר וואס קומט דאס מיר.

פאטער, וואס ווילסטו פון מיר! וואס נעמסטו זיך אזויא דעם לעבען, אן א צייט קאן קיין צייט ניט זיין, דוא וועסט נאך האבין נחת פון מיר ווען דיא צייט וועט נאהר קומען.

דער אדעסער שוסטיק, דער אבמאגשציג רעט אין דער.

וואס ווילסטו פון איס האבין! וואס איז ער שולדיג אין דעם? גלאט זיך צעפין צוא א מענשען וואס ווייס גיט פון וואס צוא

זאגען, דוא דארפסט וויסען פאטער אז דיא פארמייא וואס איז מיר ניט צום הערצין וועל איך ניט טאהן.

וואסערער איז דיר צום הארצין?

איך בין דען אמלאך?

אז עס וועט זיין צום הארצען איז נסימן אז ער איז דער באשערטער.

ווייסטו וואס איך וועל דיר זאגען? האט יענטע זיך אפ גערופען צוא קלמנ׳ן לאז זיא טאהן וויא זיא וויל, איהר וועט פארדריסען ניט אונז, נאהר דער ווייטע האבען מיר צוא זינגען אונ צוא זאגען: אלע פרעגען ווען ווען וועלען מיר שוין עסען לעקעך היינט נייא זאג יעדערען א בעזונדערען תירין.

הער יענטע. איך וועל אפ כאפען דעם אדעסער פון וועג וועסטו אליין זעהן אז דאס איז דער גאנצער — אפ האלטונג געוועזען, ער איז דער בין וואס שטייט אונז אין האלז: איך וועל דערציילען זיין פאטער וויא ער האט זיך אן געזעצט אויף אונז אומגליקליך צוא מאכען ציפה׳ן.

אונ מיט דיא רייד איז ער ארויס פון שטוב.

7.

## אוים האפענונג.

אראן! איך האב זיך ניט גערעכט אויף דיר אז דוא זאלסט האבען אומזיסטע שונאים, האט מאיר אוים גערעהט דעם זוה; אלעס אז ער איז געקומען פון שוהל.

וואס איז דאס אזוינס? האט אראן געפרעגט.

קלמן האט מיר געגעבען א גוטע לעקציע, ער האט פאר מיר אוים געגאסען זיין הארץ, ווייל מיר לעבען שטענדיג גוט, ער האט מיר פאדראבנא דער ציילט וויא ציפה וויל קיין שידוך ניט צוא לאזען צוא זיך. וואס פאר א פארטייא מיא שטעלט איהר פאר, געפינט זיא אהרון, אונ אין דעם ביזט נאהר שולדיג דוא האסט איהר עפים וויא מען זאגט אפ געטאן א שפיציל, אונ דוא ביזט מיט איהר גאר חבר ליאפ. אלזא האט ער מיר גע-בעטען אז איך זאל זעהן דעם פעטער, ד"ה דוא זאלסט זיך דער ווייטערען פון איהר, דאן וועט זיא געוויס ניט בראקירען מיט דיא שידוכים; אלזא בעט איך דיר דוא זאלסט מעהר ניט גיין מיט איהר, ווארום אזוי קען ארוים קומען דער פון דער גרעס-טער סקאנדאל.

אבער דוא נעהסט שוין חאצי אז אמטעטע דארף מען אמאל פאלגען, איך האב דיר געזאגט אז מען דארף ניט האבען מיט דיא מענשען צוא פיל באקאנטשאפט: וויא קומסטו צוא איהר;

אמוטער גענוג שוין.

מיילא דאס איז שוין א מעשה וואס איז פארפאלען, האט דער פאטער זיך אפ געררופען, נאהר זע חאצע פון היינט אן אונ ווייטער צוא פאר היטען זיך אז מען זאל ניט ריידען וועגען דיר, איך האב אויף איהם קיין פאריבעל ניט וואס ער האט מיר אוים גערעט ווייל דיא הארץ טוט איהם וויא.

הער אראן וואס איך וועל דער ציילען, דיא קאפ איז — באבאשעם (בה"ש) דער שלאגען, היינט איז געוועזען דער שרעקן אונ האט געפרעגט אויב מען האט וואס אין זינען אפ צוא ענטפערען, וועגען דיא פארטייא וואס ער האט דא פאר גע-שטעלט: ער צוא רייסט זיך לויבענדיג דיא כלה מיט דיא גאנצע פאמיליע.

איך

איך רעכין נאך גיט חתונה צוא האבען דיזען יאהר האט אראן געענטפערט.

עס איז נאך ניט צייט, וויא מיר שיינט האסטו נעדארפט זיין אפאטער צוא קינדער מיט דרייא יאהר פריער, דא מוז עפיס וואס זיין: איך האב מורא אז ציפה׳ס איבערנאנג איז דאס זעלבע וואס דיינע, מיר געפעלט דאס גאהר ניט, איהר האט ביידע געמאכט איין האנט ניט חתונה צוא האבען: איך האב זיך גאר ניט גערעכענט אז מיין קינד זאל מיר זיין געגען מיין ווילען נוא גאטוניא, א דאנק דיר טאטע זיסער.

אראן אז ער האט אוים געהערט דיא מוטערס רעדע, האט איהם זייער באנק געטאן וואס דורך איהם האבען זייא שמערצען, ער האט געשוויגען א קורצע צייט, נאכהער רופט ער זיך אפ.

זייא רוהיג מוטער. נעם זיך גיט צום הארצען איבער דיא נארישע זאכען, א שידוך קאן מען גיט האפען, אז מען האפט גיט מען איבער דיא הענט: געוויס מוז מען זיך נוט פריער — ארום זעהן, און דיא נאך וואס איז גיט צום הארצען דארפט איהר אליין מיר ניט צוא ריידען: דאס איז אנגעשעפט וואס איין מאהל אין לעבען קומט דאס פאר, אלזא איהר זאלט מיר גאר גיט דער מאנען פון דיא אלע ראזנאווארען: איהר וועט ארוים זעהן מיט דער צייט אז איך האב רעכט, הגם איהר זייט דאך עלטער, און געוויס קליגער פאר מיר, דאך בין איך מעהר גיפראקטיקירט: איך האב זיך גענוג אן געזעהן מיט מיינע — אויגען און זיך אן געהערט מיט דיא אויערען, און איהר שטייט פון דער ווייטענס, און קוקט וואס דא וועט זיין.

טוה וויא דוא ווילסט האבען דיא עלטערען אים געזאגט מיט א באהאלטענעם כעס, און פון היינט אן און ווייטער ווילען

מיר זיך ניט מיסין; נאהר פון אלע ארבעט ווילט זיך גאר עטעי לאמיר גיין עסען, פון דעם וועלען מיר ניט זיין זאט.

# 5.

## פון שונאים מחותנים.

קלמן ווען רעכענסטו צוא זיין ביא פריין? דוא האסט — דאך אפ גערעט מיט איהם אז דוא וועסט קומען; דוא וועסט זיך אזויא לאנג קלייבען ביז אנ'אנדערער וועט אפ קויפען.

פאר דעם האב איך קיין מורא ניט. נאהר מען דארף יא זיין ביא איהם, ער זאגט אז דיא קארען איז גוטע, דארף מען זעהן צוא עס איז אמת: אויב עס איז ריכטיג קאן מען פאר דינגען עטליכע רוביל. וויא ער האט מיר פאר געשטעלט — האט ער א עקך פון פינף וואגאנעס, אבער מען דארף זעהן אפור: איך רעכין צוא נעמען ביא סטעפאנעז זיין פערד אויף איינגע העגט.

אליין דארף מען ניט פארען, האט דיא פרויא געזאגט, פאר וואס?

פאר שבת! חכם מיינער, אקשיה אויף אמעשה וויא עס מאכט זיך אין וועג דארף מען אליין ניט פארען.

א אידענע בלייבט א אידענע האט קלמן געזאגט דיא פרויא, א שפאס וואס א יאזדע דא איז? גאנצע דרייא מייל צוא פארען דארף מען נאך האבען מענשען אין וועג: אליין אז איך וועל פארען וועט זיין גיכער, געוויינטליך ליידיג אונ לויז וועל איך קאנען ניבער קומען: צרום א פערד צוא גיין ווייסטו אליין אז איך קאן, דיא וועג איז גוט, אזויא בלייבט דאס, מארגען פריא וועל איך צוא פארען פיליכט וועט זיין מיין טירחה ניט אומזיסט.

אוֹיף מָארְגֶען פְּרִיא זֶעהֶן מִיר וְוִיא קַלְמַן הָאט גֶענוּמֶען מִיט זִיךְ דְרַייא הוּנְדֶערְט רוּבֶּעל, אוּנ הָאט זִיךְ אַריין גֶעזֶעצְט אִין וָואגֶען וָואס עֶר הָאט גֶענוּמֶען אוֹיף אַייגֶענֶע הֶענְט, אוּנ אִיז אַוֶועק גֶעפָארֶען אִין וֶועג.

אָפּ פָארִינְ-דִיג צֶעהֶן וְוָארְסְט פוּן שְׁטָאט אִיז גֶעוֶועזֶען אַוָועלְ-דִיל וָואס הָאט זִיךְ גֶעצֵייגְט אַפָּאר וְוָארְסְט. אַז קַלְמַן אִיז אַריין גֶעפָארֶען אִין וָועלְדָעל הָאט עֶר גֶעזֶעהֶן וְוִיא צְוַוייא מֶענְשֶׁען גַייעֶן צוּ פוּס.

אִיהר פָארְט דָאךְ לַיידִיג אוּנ לוֹיז הָאבֶּען דִיא בַּייזֶעגְדֶער גֶעזָאגְט קַלְמַנ׳ן, דִיא הִיצִין אִיז גְרוֹיס מִיר זַיינֶען שְׁוַואכֶע מֶענְשֶׁען, הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיף אוּנְז אוּנ פִירְט אוּנְז אוּנְטֶער וְוִיא פִיל אַייעֶער גוּט הַארְץ וֶועט זַיין.

קַלְמַן הָאט גֶעהַאט מִיטְלֵייד אוֹיף זֵייא, זֵייעֶרֶע רֵייד — זַיינֶען אִיהם אַרֵיין טִיף אִין הַארְצֶען, עֶר קְלֶערְט, דֶער פֶערְד וֶועט נִיט אָפּ גֶענִיצְט וֶוערֶען.

זֶעצְט זִיךְ אַרֵיין הָאט זֵייא קַלְמַן גֶעזָאגְט.

זֵייא הָאבֶּען זִיךְ אַרֵיין גֶעזֶעצְט, אוּנ אַז זֵייא הָאבֶּען זִיךְ פַארְבְּרַאכְט אַבִּיסִיל אִין רֵיידֶען, זַיינֶען זֵייא אַרוֹיף — גֶעפַאלֶען אוֹיף קַלְמַנ׳ן אוּנ הָאבֶּען אִים גֶענוּמֶען וָוערְגֶען.

גְרַאדֶע אִיז אַראן אוֹיךְ גֶעפָארֶען מִיט אַפוּר וָואס עֶר — הָאט גֶעדַארְפְט פָארֶען דוּרְךְ יֶענֶע וֶועג וָואס קַלְמַן אִיז — גֶעפָארֶען: עֶר אִיז גֶעפָארֶען מִיט אַפוּרְמַאן.

אַז אראן אִיז אַרֵיין גֶעפָארֶען אִין וַואלְד, הָאט עֶר — גֶעזֶעהֶן וְוִיא אַ מֶענְשׁ לִיגְט אִין וָואגֶען אוּנ מֶען בַּאזוּכְט אִיהם: עֶר אִיז צוּא גֶעפָארֶען גֶענְטֶער זֶעט עֶר וְוִיא קַלְמַן לִיגְט אִין וָואגֶען אוּנ מֶען בַּאזוּכְט אִיהם: עֶר אִיז מִיטִין פוּרְמַאן אַרָאפּ גֶעשְׁפְּרוּנְגֶען פוּן וָואגֶען, אוּנ זֵייא זַיינֶען בַּאפַאלֶען אוֹיף דִיא צְוַוייא מֶענְשֶׁען וָואס

זיינען געוועזן ביי קלמנ׳ן אין וואגען: עס איז געווארען א גרויסע געשלעג, און אראן האט באקומען א קלאפ אין קאפ וואס מיט א האלץ און זיי זיינען צו לאפען געווארען קלמן וואס ביז יעצט איז ער געוועזן צו געשטיקט האט ער זיך אויף געכאפט, ער זעט וויא אראן ליגט אויף דער ערד באגאסען מיט בלוט, ער איז מיט אלע קרעפטען ארויס פון וואגען ער זעט וויא לעבען אראנען שטייט א מענש און ריינט אים בלאטע צום קאפ: אנפאנגס האט קלמן גאר ניט געוואוסט וואס דא טוט זיך, נאהר אראנ׳ס פורמאן האט אים דערציילט די גאנצע געשיכטע ווען אראן קומט ניט אויף וואלטען זיי אייך אומגעבראכט פון דער וועלט.

קלמן איז ארויף געפאלען אויף אראנען קושען, און האט זיך פאר פריידע באגאסען מיט טרערען, נאהר אראן האט איהם ניט געקאנט ענטפערען, ווייל די שמערצען האבען זיין הארץ צוגעדריקט: קלמן האט אראנען אריין געהויבען אין וואגען מיט די הילף פון אראנ׳ס פורמאן, און האבען זיך אומגעקערט אין שטאט.

אראנ׳ס עלטערען זיינען דאן געוועזן צו הויזע, זיי האבען — גערעט וועגען אראנ׳ס רייזע וואס ער איז געפארען וועגען געשעפט. — זיי זעהן וויא קלמן פארט מיט אראנ׳ס פורמאן, און אראן איז — געזעסען אין קלמנ׳ס ארימס ארומגעארעמט.

זיי זיינען ארויס געלאפען ניט טויט ניט לעבעדיג, זיי האבען אווארט ניט געקענט אויס ריידען פאר שרעק: זיי האבען אראנען אריין געפירט אין שטוב. מיא האט גלייך געשיקט נאך א דאקטאר — און ער האט זיא בארוהיגט דאס קיין געפאר איז ניטא.

קלמנ׳ס פרויא מיט ציפה׳ן האט מען איבער געגעבען די גוטע נאכריכט, זיינען זייא געקומען צו לויפען צו אראנען

און הָאבְּען גֶעפוּנֶען וִויא קלמן זִיצְט לֶעבֶּען אראנ׳ס בֶּעט, אוֹיךְ אראנ׳ס עֶלְטֶערֶען זַיינֶען גֶעזֶעסֶען לֶעבֶּען אִיהם.

אָי גָאט! הָאט קלמנ׳ס פְּרוֹיא אוֹיס גֶעשְׁרִיעֶן, וָואס פַאר אַיין אוּמְגְלִיק אִיז דָא גֶעוֶעזֶען?

יענטע, הָאט קלמן זִיךְ אָפּ גֶערוּפֶען צוּא אִיהר, וָוען נִיט אראן, וָואלְסְטוּ הַיינְט שׁוֹין גֶעוָוארֶען אַ אַלְמָנָה, און ציפה אַיתוֹמָה דַאנְקְט פְרִיעֶר גָאט נָאכְהֶער אראנען.

ציפה מִיט דִיא מוּטֶער זַיינֶען מִיט טְרֶערֶען פַאר גָאסֶען גֶע-וָוארֶען, יענטע אִיז אַרוֹיף גֶעפַאלֶען אוֹיף אראנען וָועלְכֶער-אִיז גֶעלֶעגֶען אִין בֶּעט און הָאט אִיהם גֶעקוּשְׁט, און אִיהרֶע טְרֶערֶען זַיינֶען גֶערוּנֶען אוֹיף אראנ׳ס גֶעזִיכְט: דָאס גְלַייכֶען ציפה הָאט זַיין הַאנְט אָן גֶענוּמֶען מִיט דִיא וָוערְטֶער.

אִיךְ דַאנְק אַייךְ גוּטֶער אראן וָואס אִיהר הָאט מַיין פָאטֶער פוּן טוֹיט גֶערֶעטֶעט.

יֶעצְט זֶעה אִיךְ אַרוֹיס אַז דִיא קִינְדֶערְשֶׁע בַּאקַאנְטְשַׁאפְט אִיז אַ רִיכְטִיגֶער צוּפַאל.

און אִיךְ וִויל אוֹיבּ מֶעגְלִיךְ אַז אראן זָאל נִיט וֶוערֶען פַאר פְרֶעמְד פוּן מִיר: אַלְזָא ציפה מַיין קִינְד, אַלֶע טָאג — זָאלְסְטוּ דָא זַיין אַכְטוּנְג גֶעבֶּען אוֹיף מַיין רֶעטֶער, און אִיהר רֶבּ מאיר זַייט אוֹיךְ סָאגְלַאסְנָא.

וָוארוּם נִיט, הָאט אראנ׳ס פָאטֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט, אַז אַייךְ פַּאסְט צוּא בַּאזוּכִין פַּאסְט מִיר אוֹיךְ.

ציפה מִיט דִיא מוּטֶער פְלֶעגֶען אַלֶע טָאג זַיין בַּייא אראנען עֶס הָאט גֶעדוֹיעֶרְט צְוַוייא וָואכֶען צַייט וִויא אראן אִיז גֶעוָוארֶען פָאלְקָאם גֶעזוּנְד: זַיינֶע עֶלְטֶערֶען הָאבֶּען גֶעמַאכְט אַיין אָוֶוענְט און ציפה מִיט אִיהרֶע עֶלְטֶערֶען זַיינֶען גֶעוֶוען פְרֵייגְלַאסֶעט, און זַייא הָאבֶּען דֶערְצֵיילְט פוּן דִיא רַייזֶע וָואס אִיז פָארְגֶעקוּמֶען.

אַז קלמן אִיז שׁוֹין גֶעוָוארֶען לוּסְטִיג, הָאט עֶר זִיךְ אָפּ גֶע-רוּפֶען צוּא מאיר׳ן, הֶערְט! אִיהר וִוילְט וֶוערֶען מִיט מִיר אַמְחוּתָּן?

אַז איהר ווילט, איז שוין ניטא וואס צוא פרעגען, האט מאיר געענטפערט מיט אַ שמייכעל.

אויב, אַזויא, איז שוין רעכט, האט קלמן געזאגט, דוא ציפהלע וועסט דאך אויך זיין סאגלאסנא אויף דעם?

טוה וויא דוא פארשטייסט, האט ציפה געענטפערט.

אַרום אראגען איז אפּ גערעט, האט קלמן געזאגט מיט א שמייכעל.

מיר זעהן אין אַכטאג אַרום איז געוועזן תנאים בייא ציפה'ן מיט אראנען; אונ „שבת נחמו“ איז געוועזן דיא חתונה, אונ ציפה איז געווארען מאַדאם בירמאן.

---

# ענדע